ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

**קובץ**
**שלשלת האור**

**היכל**
**תשיעי**

**שער**
**שלישי**

# דבר מלכות

•

**מאת**

כבוד קדושת

## אדמו״ר מלך המשיח מנחם מענדל שליט״א

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

**משיחות ש״פ דברים, שבת חזון, תשעה באב (נדחה),**
**יום א׳, עשירי באב (לפני תפלת ערבית)**
**ויום ב׳, י״א באב (לאחרי תפלת ערבית) ה׳תנש״א**


יוצא לאור על ידי מערכת
**„אוצר החסידים"**

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושלש לבריאה
**שנת הקהל**


**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד**



שלמעלה מכל מדידה והגבלה, בהתאם להוראת חז״ל אַז „לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב", גרעסער פאַר דער שמחה פון „מועדים לשמחה" אין די שלש רגלים (אע״פ וואָס מ׳איז דעמולט מקריב די שלמי שמחה מן ה־תורה), און גרעסער אפילו פון דער שמחה „עד דלא ידע" פון פורים[162] און די שמחה פון שמחת תורה בשנים שעברו.

ועד״ז וועט מען דעמולט ממשיך זיין פראַוועז די אַלע התוועדויות ושמחות, ואדרבה — מיט אַ שמחה למעלה ממדידה והגבלה (וואָרום דוקא „אז — ימלא שחוק פינו"[163]), כולל אויך די שלימות בשמחת נישואין — כמ״ש[164] „מהרה ה״א ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה כו׳",

ביז די גרעסטע שמחה — אויף די נישואין פון כנסת ישראל און הקב״ה, בגאולה האמיתית והשלימה[165].

162) מגילה ז, ב.

163) תהלים קכו, ב. ברכות לא, א.

164) ברכה אחרונה דנוסח ברכות נישואין.

165) שמו״ר ספט״ו. נתבאר בלקו״ת שה״ש מח, א־ב.

וכאמור תיכף ומיד וממש, ביום זה ממש. וואָרום, ווי גערעדט כו״כ פעמים, אַז מ׳האָט שוין פאַרענדיקט אַלע ענינים, און דער ביהמ״ק איז עומד ומוכן למעלה, ועד״ז בנוגע צו אַלע ענינים — איז שוין „הכל מוכן לסעודה", מ׳האָט אַלע ענינים פאַרטיק ווי אין אַ פאַרמאַכטע תיבה און מ׳האָט אָפּגעגעבן די תיבה און איר שליסל צו יעדער איד[166],

די איינציקע זאַך אויף וואָס מ׳וואַרט איז — אַז אַ איד זאָל געבן נאָך אַ געשריי, מיט נאָך אַ בקשה ותביעה און נאָך אַ דערמאָנונג: „עד מתי"?!...

און דורך דעם טוט ער אויף אַז משיח צדקנו קומט אַריין איצטער אין דעם ביהכנ״ס, און נעמט מיט אַלע אידן דאָ בתוך כלל ישראל אין ארצנו הקדושה, ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לביהמ״ק השלישי, און נאָך בשבת חזון זה — איז מען זוכה צו „ותחזינה[167] עינינו בשובך לציון ברחמים", ועוד והוא העיקר — תיכף ומיד ממש.

166) ראה לקו״ש חכ״ח ע׳ 289. וש״נ.

167) ראה לשון הצ״צ הנ״ל הערה 27.

**לזכות**

## כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א

**מהרה יגלה אכי״ר**

יה״ר שיראה רוב נחת מבניו – התמימים בפרט,
משלוחיו, חסידיו וכלל ישראל – בכלל
ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו הק׳
ויבנה ביהמ״ק במקומו ויקבץ נדחי ישראל
בגאולה האמיתית והשלימה
נאו תיכף ומי״ד ממ״ש!

**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד!**

# משיחות ש"פ דברים, שבת חזון, תשעה באב (נדחה), יום א', עשירי באב (לפני תפלת ערבית*) ויום ב', י"א באב (לאחרי תפלת ערבית) ה'תנש"א

א. די איצטיקע טעג — ובפרט קומענדיק פון שבת תשעה באב (נדחה) — זיינען ימים מסוגלים ביותר אויף ביאת משיח צדקנו:

נוסף אויף דעם וואָס ס'איז אַן עיקר אין אמונת ישראל („אני מאמין") אַז „אחכה לו בכל יום שיבוא"[1], בפירושו „שיבוא בכל יום" — ובפרט אין דעם איצטיקן זמן בכלל, ווי גערעדט לאחרונה כו"כ פעמים, אַז לויט אַלע סימני הגאולה איז „הנה זה (משיח) בא"[2] תיכף ומיד ממש (און דאָס וואָס משיח איז נאָך ניט געקומען איז אינגאַנצן ניט פאַרשטאַנדיק) — איז דאָס נאָכמער אונטערשטראָכן אין די טעג פון חודש אב, ווי עס שטייט אין מדרש[3]: „עלה ארי' במזל ארי' (חודש החמישי) והחריב את אריאל (בית המקדש) כו' על מנת שיבוא ארי' (זה הקב"ה) במזל ארי' (והפכתי אבלם לששון[4]) ויבנה אריאל". ד.ה. אַז אין חודש אב וועט זיין דער בנין בית המקדש השלישי, „מקדש אד' כוננו ידיך"[5]. און נאָכמער: דאָס איז די כוונה און דער תנאי, וואָס „על מנת" זה איז געווען דער חורבן בית המקדש בחודש זה[6].

ווי ס'איז אויך מודגש אין דעם נאָמען פון דעם חודש (ווי ער ווערט אָנגערופן ע"פ „מנהג ישראל (וואָס) תורה היא"[7] — „מנחם אב"[8], אַז פאַר „אב" (פאַר דעם שם החודש אין תורה[9]) איז מען מקדים „מנחם" — נחמת הגאולה, וואָס דאָס באַדייט אַז אין דעם חודש קומט די נחמת הגאולה („מנחם"), די נחמה אויף אַלע עניני אב, דורך מהפך זיין די ענינים בלתי רצויים פון דער ירידה בחודש אב צו אַן עלי' הכי גדולה („מנחם"[10]) — „שיבוא ארי' במזל ארי' ויבנה אריאל" (וואָס „על מנת" זה איז געווען די ירידה), כנ"ל.

ב. אין חודש מנחם־אב עצמו איז דאָס נאָך שטאַרקער אין דעם טאָג פון תשעה באב, סיי מצד כללות היום, און סיי מצד זיין קביעות בשנה זו ביום השבת:

חז"ל זאָגן[11] אַז אין דעם טאָג פון תשעה באב (יום שחרב הבית) „יליד מלכא משיחא". און דער ענין חזר'ט זיך איבער מחדש בכל[12] תשעה ב־

---

*) בשעה 8:35 בערב נכנס כ"ק אדמו"ר שליט"א לבית הכנסת ואמר שיחה. ואח"כ נתן לכאו"א שטר של דולר ע"מ לתת אותו (או חילופו) לצדקה ובהוספה מדילי'. ואח"כ התפללו תפלת ערבית. ולאחרי התפלה התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן ניגון הקפות דאביו ז"ל. המו"ל.

1) עיקר הי"ב מהי"ג עיקרים — בנוסח „אני מאמין" שנדפס בכמה סידורים. וראה פיה"מ להרמב"ם פרק חלק.

2) שה"ש ב, ח. ובשהש"ר עה"פ.

3) יל"ש ירמי' רמז רנט.

4) ירמי' לא, יב.

5) בשלח טו, יז.

6) ראה לקו"ש חכ"ט ע' 10 ואילך.

7) תוד"ה נפסל — מנחות כ, ב. ובכ"מ — נסמן בלקו"ש חכ"ב ע' 56 הערה 2.

8) ראה לקו"ש חכ"ג ע' 214. וש"נ.

9) משנה תענית פ"ד מ"ה־ו. תרגום שני למג"א ג, ז. תיב"ע שלח יג, כה. ועוד.

10) שזהו גם שמו של משיח, כדלקמן בפנים.

11) ירושלמי ברכות פ"ב ה"ד. איכ"ר פ"א, נא. וראה במדב"ר פי"ג, ה (בסופו).

12) כידוע בנוגע לכל עניני קדושה, שביום השנה חוזרים וניעורים הענינים כפי שהיו בפעם





ביז מיט אַ שמחה הכי גדולה, בדוגמא ווי שמחת נישואין, וואָס דערמיט איז פאַרבונדן די שמחה ויו"ט גדול פון ט"ו באב („שבהן[152] בנות ירושלים (וי"ג[153]: בנות ישראל) יוצאות כו' וחולות בכרמים כו'"). ובפרט ע"פ מנהג ישראל אַז בימים אלו (לאחרי תשעה באב), איז מען מרבה בשידוכין וחתונות בישראל (ובפרט אַז דאָס קומט לאחרי ההפסק בזה אין די „דריי וואָכן").

יב. ולהוסיף, אַז די קביעות פון חמשה עשר באב בשנה זו ביום הששי איז מרמז אויף דעם סיום העבודה פון אידן (אתם קרויים אדם[154], שנברא ביום הששי כנגד אלף הששי[155], ערב והכנה צו דעם „יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים", ביז באופן פון „מתנת חנם" (אַ גילוי שלא בערך), ע"ד ווי עס ווערט אויפגעטאָן דורך „ואתחנן אל ה'".

ובפרט שטייענדיק באלף הששי עצמו, לאחרי „חצות" האלף, לאחרי שנת ה'ת"ק[156], און לאחרי די פאַרשידענע קיצים וואָס זיינען שוין דורך, בשנת תר"ח[157] ושנת תרס"ו[158], ביז — די הכרזה פון נשיא דורנו „לאלתר לתשובה לאלתר לגאולה" (בשנות תש"א־תש"ג)[159], וואָס בשנים אלו איז אַלץ מערער צוגעקומען אין גילוי פנימיות התורה. ובהמשך השנים איז אין דעם צוגעקומען מערער און מערער, ביז — הפצת המעינות חוצה בכל קצוי תבל, אפילו אין אַ פינה נידחת בעולם, און ניט נאָר וואָס דאָרטן האָבן דערגרייכט די תוצאות פון הפצת המעינות חוצה, נאָר אויך די מעינות פון פנימיות התורה בעצמם.

יג. ויהי רצון, אַז נאָך פאַר חמשה עשר באב, און נאָך פאַר די ימים שלפניו, ביז תיכף ומיד ממש — זאָל שוין קומען די גאולה, און מ'וועט דעמולט פראַווען די גרעסטע שמחה, אַ שמחה שלמעלה מכל מדידה והגבלה — די שמחה אויף דעם וואָס ס'איז געקומען די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו,

און מ'וועט אויף דעם ברענגען אַ קרבן תודה אויף אַרויסגיין פון דעם „בית האסורים" הכללי פון גלות (במכ"ש פון דעם וואָס אַ יחיד איז מחוייב בקרבן תודה אויף דעם וואָס ער — אַ יחיד — גייט אַרויס פון בית האסורים הפרטי שלו), „יודו לה' חסדו ונפלאותיו לבני אדם"[160] (ווי מ'זאָגט פאַר מנחה ביום הששי, בערב שבת), די הודאה אויף אַלע פיר ענינים וואָס זיינען אַלע פאַרבונדן מיט גלות — כמבואר אין די דרושי גאולה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר[161] [וי"ל אַז דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן דער „לאלתר לגאולה"].

און מ'איז ממשיך די שמחה בימים שלאחרי זה, ביז אַז מ'פראַוועט דעם יום טוב גדול פון חמשה עשר — ולפני זה דער יו"ט גדול פון עשירי באב שיהפך לשמחה כו' וימים שלאחרי זה — בשמחה גדולה

---

152) משנה תענית שם (כו, ב).

153) ראה שינויי נוסחאות למשניות. וש"נ. וראה לקו"ש חי"ט ע' 80 הערה 2.

154) יבמות סא, רע"א. ובכ"מ.

155) ראה רמב"ן ובחיי בראשית ב, ג.

156) ראה ס' השיחות תש"נ ח"א ע' 254. וש"נ.

157) ראה ס' השיחות תורת שלום ע' 237. אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"א ע' תפה.

158) ראה שיחת אחש"פ תש"ל (נדפסה בהמשך תרס"ו בהוספות. לקו"ש ח"ז ע' 209).

159) „קול קורא" ב„הקריאה והקדושה" תש"א־תש"ג (אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ה ע' שסא ואילך. שעז ואילך. תח ואילך. ח"ו ע' תל ואילך).

160) תהלים קז, ח.

161) סה"מ תרפ"ז ד"ה ברוך הגומל הב' (ע' ריא ואילך).

ובנוגע לפועל — החלטות טובות בקשר מיט ימים אלה:

בהתאם צו דעם סיום פון הפטורת שבת חזון „ציון במשפט תפדה ושבי׳ בצדקה״[30] — וואָס „משפט״ גייט אויף תורה[147] און „צדקה״ גייט אויף כללות כל המצוות וועלכע זיינען נכלל אין מצות צדקה[148] — זאָל מען בימים אלו מוסיף זיין אין לימוד התורה וקיום המצוות, ובמיוחד — מצות צדקה, אָנהויבנדיק ביום שבת זה (באופן המותר), ועאכו״כ במוצאי שבת און ביום ראשון[149] ובמוצאי יום ראשון, און אין די ימים שלאחרי זה.

און אין „משפט״ (תורה) עצמו — איז בהמשך צו דעם וואָס מ׳האָט גערעדט אין די התוועדויות שלפני זה, איז כאן המקום צו נאָכאַמאָל מעורר זיין מחדש, אַז טאָמער משיח וועט זיך ח״ו פאַרהאַלטן, זאָל מען זען ממשיך זיין, און מיט אַ באַנייטע חיות והתחזקות (בכל יום יהיו בעיניך חדשים[150]), צו מאַכן „סיומים״ במסכתות הש״ס („משפט״) אין די „ניין טעג״, כולל — ביום שבת קודש זה (און פאַרבינדן דעם סיום בשבת מיט אַ סעודה), און דערנאָך — אויך במוצאי שבת וביום ראשון עשירי באב (באופן המותר), ועאכו״כ במוצאי יום ראשון,

און היות אַז די ימים שלאחרי זה — ביז חמשה עשר באב — זיינען אַ המשך צו תשעה באב — איז טאָמער משיח וועט זיך ח״ו פאַרהאַלטן אין די ימים הבאים — איז מען מציע, אַז מ׳זאָל ממשיך זיין מאַכן „סיומים״ אויך אין די ימים שלאחרי זה, ביז חמשה עשר באב, ועד בכלל. און פאַרבינדן דעם „סיום״ (אין „משפט״) אויך מיט אַ נתינה לצדקה. ובמקום המתאים — אויך פאַרבינדן דעם „סיום״ — „יומא טבא לרבנן״[151] — מיט אַ סעודה והתוועדות.

ויש לפרסם זה בכל מקום האפשרי, סיי אין די ערטער וואו מ׳האָט דאָס שוין מקיים געווען בימים שלפני זה — זאָל מען דאָס זען ממשיך זיין, און מיט אַ תוספת חיות וחיזוק, ועאכו״כ אין די ערטער וואו דאָס איז נאָך ניט דערגאַנגען — זאָל מען דאָרט דערגרייכן און פועל׳ן אַז מ׳זאָל דאָרט אויך מאַכן „סיומים״, און מוסיף זיין אין „משפט״ און אין „צדקה״ בכלל.

יא. בקשר מיט חמשה עשר באב — יום הששי הבע״ל — איז כדאי אַז מ׳זאָל מאַכן בכל מקום ומקום אַ התוועדות גדולה בשמחה גדולה, צוזאַמענקלייבן אידן, אנשים נשים וטף, און רעדן דברי תורה, ומה טוב — מאַכן אַ „סיום״ מסכת, און געבן אַ נתינה לצדקה, און אָננעמען החלטות טובות צו מוסיף זיין בכל עניני תורה ומצוות ובכל ענינים טובים.

והיות אַז חמשה עשר באב קומט אויס בשנה זו ביום הששי (וואָס דעמולט קען ווערן אַ שאלה בנוגע צו מאַכן אַ התוועדות), זאָל מען מאַכן די התוועדות בליל אור לששי, און אַ התוועדות גדולה בשמחה גדולה, וועט דאָס אַראָפּנעמען אַלע שאלות.

**ובהדגשה — אַ התוועדות מתוך שמחה וטוב לבב, בהתאם צו דעם וואָס „לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב״,**

147) לקו״ת ר״פ דברים.

148) ראה ב״ב ט, ב. תניא פל״ז (מח, ב).

149) להעיר שכ״ק אדמו״ר שליט״א נתן שטרות של דולר על מנת לחלקן לצדקה — במוצאי שבת, ליל עשירי באב, לאחרי אמירת איכה. וכן בעשירי באב לאחרי תפלת מנחה, ופעם שלישית — לאחרי השיחה לפני תפלת ערבית. המו״ל.

150) פרש״י יתרו יט, א. עקב יא, יג. תבוא כו, טז.

151) שבת קיח, סע״ב ואילך. רמ״א יו״ד סרמ״ו סכ״ו.





אב[13], און היות אַז ביום הולדתו פון אַ מענטשן איז „מזלו גובר״[14], הייסט עס, אַז בתשעה באב איז מתגבר מזלו של משיח צדקנו און ער איז אַ יום מסוגל אויף דער גאולה האמיתית והשלימה.

און דאָס איז אויך נוגע אין הלכה למעשה, ווי עס שטייט אין כתבי ה־אריז״ל[15], אַז מ׳זאָגט תפלת נחם („פסוקי נחמה״) ביום תשעה באב במנחה — „כי אז במנחת ט״ב נולד המשיח הנקרא[16] מנחם״[17].

ויש לומר, אַז ווען תשעה באב איז חל בשבת (ווי בקביעות שנה זו), און דער תענית (ואמירת נחם) איז נדחה ליום א׳, ווערן דאַן נדחה נאָר די ענינים בלתי רצויים — דער ענין הצום און די דיני עינוי ואבילות כו׳, אָבער די ענינים חיוביים ורצויים — וואָס ביום זה נולד מושיען של ישראל — ווערן ניט נדחה, אפילו ניט אָפּגעשוואַכט ח״ו דורך שבת.

ואדרבה: די ענינים טובים שטייען נאָך מער בגלוי ובתוקף ביום השבת[18].

און דער טעם לזה — יש לומר: ווי־באַלד אַז אַלע עניני העולם — כולל אויך די ענינים הכי נעלים אין סדר השתלשלות (ווי מלאכים און אפילו עשר ספירות וכו׳) — זיינען באַשאַפן געוואָרן „בשביל ישראל״ (און „בשביל התורה״)[19], [און „מחשבתן של ישראל״ איז „קדמה ל־תורה״[20] (תורה איז געגעבן געוואָרן צוליב אידן, שנאמר צו את בני ישראל, דבר אל בני ישראל)[21]] — קען דאָך ניט זיין אַ מציאות בעולם, כולל אַ קביעות בזמן (התלוי במהלך השמש והלבנה והמזלות[22]) שנברא בשביל ישראל, וואָס זאָל שטערן אָדער אָפּשוואַכן ח״ו אַ המשכה וגילוי פון קדושה בא אַ אידן, כולל ועאכו״כ אַזאַ ענין עיקרי בא אַ אידן ווי לידת והתגברות מזלו של משיח (בתשעה באב).

ועאכו״כ ווען עס רעדט זיך וועגן יום השבת (קביעת תשעה באב בשבת): ווי־באַלד אַז אידן זיינען „בן זוגך״[23] פון שבת [סיי שבת און סיי אידן זיינען למעלה ונבדל מעניני העולם[24] (די אַנדערע ימי השבוע, וואָס יעדערער פון זיי האָט אַ „בן זוג״)], און שבת איז פאַרבונדן מיט דעם

הראשונה ביום זה, ואדרבה: בכל שנה — באופן נעלה יותר. וכידוע פירוש האריז״ל ב„הימים האלה נזכרים ונעשים״ (רמ״ז בס׳ תיקון שובבי״ם, הובא ונת׳ בס׳ לב דוד להחיד״א פכ״ט. וראה משנה גיטין ספ״ג. וראה גם מחצית השקל לשו״ע או״ח סתס״ח ס״י).

13) ראה סד״ה אל תצר את מואב לאדמו״ר האמצעי (מאמרי אדהאמ״צ דברים ח״א ע׳ קב). וראה יפה ענף (השלם) לאיכ״ר שם.

14) ראה ירושלמי ר״ה פ״ג ה״ח ובקה״ע ופני משה שם.

15) שער הכוונות ענין ט״ב בסופו, הובא ב־ברכ״י או״ח סתקנ״ט אות ז.

16) ירושלמי ברכות ואיכ״ר שם. וכ״ה ב־סנהדרין צז, ב.

17) וזהו גם הטעם שאומרים ברכת הלבנה במוצאי ת״ב „כי בט׳ באב נולד משיח״ (פע״ח שכ״ג — כוונת ט״ב ובין המצרים בסופו. משנת חסידים סוף מס׳ תמוז ואב).

18) ראה גם לקו״ש שבת חזון תנש״א ס״א.

19) פרש״י בראשית א, א.

20) ב״ר פ״א, ד.

21) ראה תדבא״ר פי״ד.

22) השייכים להנהגת העולם ואוה״ע, ולא לישראל, כמ״ש (ירמי׳ י, ב) „אל דרך הגוים אל תלמדו ומאותות השמים אל תחתו כי יחתו הגוים מהמה״, ואמחז״ל „אין מזל לישראל״ (שבת קנו, א. נדרים לב, א).

23) ב״ר פי״א, ח.

24) כמאחז״ל ששבת „מיקדשא וקיימא״ (ביצה יז, א), „קדש מלה בגרמי״״ (זח״ג צד, ב).

גילוי פון דער גאולה (ווי ס׳איז מודגש אין שירו של יום, „מזמור שיר ליום השבת, מזמור שיר לעתיד לבוא, ליום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים״[25], און יעדער שבת איז מעין זה[26]) — קען מען דאָך ניט זאָגן, אַז שבת זאָל ח״ו דוחה זיין דעם ענין נעלה באַ אידן פון לידת משיח צדקנו בתשעה באב. נאָר אדרבה: שבת איז דוחה אַלע ענינים בלתי רצויים פון אידן (צום ועינוי) און ענינים פון היפך הגאולה, און איז נאָכמער מגלה ומחזק ביתר שאת וביתר עוז די עניני הגאולה בתשעה באב, דעם ענין פון לידת המשיח ביום זה.

ובפרט אַז דער שבת (תשעה באב) איז שבת חזון, חזון מלשון מחזה: אין דעם שבת „מראין לכאו״א מישראל המקדש דלעתיד מרחוק״ (כידוע די תורה בזה[27]), ובפרט אַז מ׳איז דאָס מבאר מיט אַ משל פון אַ לבוש ובגד („מאב שיש לו בן יקר ועשה לו מלבוש יקר וכו׳״, אע״פ וואָס דער נמשל רעדט וועגן בית המקדש), וואָס באַווייזט אַז דער גילוי המקדש ווערט נמשך מער בגלוי בבחי׳ לבוש[28] (מקיף הקרוב), וואָס איז נעענטער צו דעם אדם (ווי דער מקיף הרחוק פון בית)[29], ע״ד דער ענין פון בגדי כהונה (במקדש) — איז דאָך פאַרשטאַנדיק (במכ״ש פון יעדער שבת), אַז דער גילוי פון מושיען של ישראל ביום זה איז ביתר שאת וביתר עוז. וכמודגש אויך בסיום הפטרת שבת חזון: „ציון במשפט תפדה ושבי׳ בצדקה״[30].

ג. דער עילוי הנ״ל פון שבת תשעה באב איז נאָכמער בהדגשה אין דעם ענין האכילה ושתי׳ שביום זה, ווען מ׳האָט די מצוה פון עונג שבת, „לענגו בעונג אכילה ושתי׳״[31], „דגים גדולים . . בשר ויין״[32], ביז אַז אפילו בנוגע צו דער סעודה שלישית (בתשעה באב שחל בשבת), די סעודה מפסקת — איז דער דין[33] אַז „אוכל בשר ושותה יין בסעודה המפסקת ומעלה על שולחנו אפילו כסעודת שלמה בעת מלכותו״.

דערפון זעט מען, אַז אין אַ יום תענית שחל בשבת איז ניט בלויז פאַראַן שלילת העינוי דורך העדר אכילה ושתי׳, נאָר אויך ובעיקר — די שמחה ותענוג וואָס איז דאָ אין אכילת בשר שמן ושתיית יין ישן [ויש לומר, אַז אין אַ יום תענית שחל בשבת דאַרף מען מוסיף זיין אין דעם נאָכמער ווי בשאר שבתות השנה, כדי שולל זיין דעם קס״ד פון דעם יום התענית[34]].

און דער ביאור בזה איז — ווי גערעדט מערערע מאָל[35] — אַז בפנימיותו איז אַ

25) תמיד בסופה.

26) ראה המשך תרס״ו ע׳ תקמב. המשך תער״ב ח״ב ע׳ א׳קכז. ועוד.

27) מהרה״ח ר׳ הלל מפּאַריטש בשם הרב מבאַרדיטשוב נבג״ם — נעתקה באוה״ת נ״ך ע׳ א׳צז בשוה״ג — על רשימת הצ״צ שם „ומחזון תחזינה עינינו״. נתבאר בלקו״ש ח״ט ע׳ 24 ואילך. חכ״ט ע׳ 18 ואילך. סה״ש תשמ״ז ח״ב — שיחת ש״פ דברים. לקו״ש שבת חזון תנש״א.

28) ולהעיר מהנהגת כ״ק אדמו״ר (מהורש״ב) נ״ע בתשעה באב, ש„הי׳ לובש הטלית — בבוקר — ופושטו כו׳״ (שיחת כ״ק מו״ח אדמו״ר — ספר המנהגים חב״ד ע׳ 47), והרי הטלית הוא לבוש שמעוטף בו ראשו ורובו. ואולי יש לקשר זה עם הגילוי דמשיח (וביהמ״ק השלישי) בתשעה באב גם בבחי׳ לבוש (מקיף הקרוב), ע״ד בגדי כהונה, כבפנים.

29) ראה בארוכה לקו״ש חכ״ט שם.

30) ישעי׳ א, כז.

31) שו״ע אדה״ז או״ח סרמ״ב ס״א.

32) שו״ע אדה״ז שם ס״ב.

33) שו״ע או״ח סתקנ״ב ס״י.

34) ראה לקו״ש ח״ד ע׳ 1901.

35) ראה לקו״ש חל״ג ע׳ 158 ואילך. שיחת ש״פ בלק, י״ז תמוז (נדחה) תשמ״ח (סה״ש ח״ב ע׳ 526 ואילך). שנה זו (לעיל ע׳ 683 ואילך). ועוד.



משיחות ש״פ דברים, שבת חזון, ת״ב (נדחה), יו״ד אב (לפני ערבית) וי״א אב ה׳תנש״א

עשר כחות הנפש). ועד״ז איז דאָ דער גילוי ביום אחד עשר בכל חודש[133], ועאכו״כ בחודש מנחם אב — וואָס איז פאַרבונדן מיט דער גאולה (כנ״ל), און מיט דער גילוי פון „תורה חדשה מאתי תצא״[134] — די שלימות הגילוי פון „אחד עשר יום מחורב״, בחי׳ אחד עשר שבתורה חדשה פון „אתי״, עצמותו ית׳, און באופן פון „תצא״ המשכה בכל הדרגות שלמטה מזה.

ועאכו״כ אַז מ׳האָט די גאולה אין די ימים שלאחרי זה, יום שני — כפליים דויהי ערב ויהי בוקר, יום שלישי שהוכפל בו כי טוב[135], כפליים לתושי׳[136] (שתורה נקראת תושי׳[137]), וואָס כפל איז פאַרבונדן מיט גאולה[138], און יום רביעי (בן זוגו דיום ראשון) און יום חמישי (בן זוגו דיום שני) ויום ששי (בן זוגו דיום שלישי),

ועאכו״כ יום הששי זה — חמשה עשר באב, ווען קיימא סיהרא באשלמותא פון גאַנץ חודש אב, וישראל דומין ומונין ל־לבנה[139], והם עתידים להתחדש כמותה[140].

י. הגם אַז „אני מאמין״ אַז „הנה זה (משיח) בא״ ביום זה ממש (כנ״ל) — האָט די תורה אָנגעזאָגט אַ אידן, אַז ער דאַרף שטענדיק טאָן זיין עבודה כדבעי ובשלימות לויט מצבו בהוה, כולל — מאַכן די הכנות מתאימות, און אַ הכנה רבתי[141], צו די עניני קדושה וואָס ער דאַרף טאָן מאָרגן און איבערמאָרגן ולאחר זמן.

און ווי ס׳איז רגיל בהתוועדויות אלו וכיו״ב, צו אָננעמען החלטות טובות להוסיף בכל עניני תורה ומצוות, ובהפצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה, און ס׳איז נהוג צו מקדים ומוסיף זיין (פאַר קבלת ההחלטות) — „טאָמער משיח וועט זיך ח״ו פאַרהאַלטן״, וואָרום „אחכה לו״ שיבוא ביום זה ממש (כנ״ל), במילא באַווארנט מען אַז די החלטות טובות (פאַרבונדן מיט דער עבודה בזמן הגלות) איז „טאָמער משיח וועט זיך ח״ו פאַרהאַלטן״.

ובאמת, איז אויך נאָך ביאת המשיח, וועט בלייבן און עס וועט זיין אַ המשך פון דער תורה ועבודה (והחלטות טובות) בזמן הגלות, כידוע דער ביאור[142] אין דעם מאחז״ל[143] „אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו״, אַז די הכנה און כלי צו די גילויים און דער עבודה אין גן־עדן ועד״ז אין דער גאולה[144], איז דורך „תלמודו בידו״ בזמן הזה, וואָס רובו איז פאַרבונדן מיט זמן ומקום הגלות, און דורך דעם „נעמט מען״ די תורה אין גן־עדן און לע״ל (אע״פ וואָס גן־עדן ועאכו״כ גאולה איז היפך פון גלות). ועד״ז בנוגע צו כללות העבודה בזמן הזה, אַז „תכלית השלימות הזה של ימות המשיח ותחיית המתים כו׳ תלוי במעשינו ועבודתינו כל זמן משך הגלות״[145], ביז אַז „גאולה״ ווערט אויפגעמאַכט דוקא דורך דער עבודה פון מגלה זיין דעם אל״ף פון אלופו של עולם אין „גולה״ (גלות), גאולה[146].

133) ראה גם סה״ש תשמ״ט ח״א ע׳ 389 ואילך.

134) ישעי׳ נא, ד. ויק״ר פי״ג, ג.

135) פרש״י בראשית א, ז.

136) איוב יא, ו. שמו״ר רפמ״ו.

137) סנהדרין כו, ב. וראה אגה״ק סכ״ב.

138) ראה יל״ש ר״פ לך. אוה״ת לך תערד, א. ד״ה לך לך תרכ״ז. תר״ל. ועוד.

139) סוכה כט, א. ב״ר פ״ו, ג. ועוד.

140) נוסח ברכת קידוש לבנה.

141) ראה ביצה ד, ב. ובכ״מ. וראה אנציקלופדי׳ תלמודית ערך הזמנה (א) ס״ג. וש״נ.

142) ראה לקו״ת ואתחנן ו, ג. שה״ש כב, ד. ובכ״מ.

143) פסחים נ, א. קה״ר פ״ט, ח.

144) ראה לקו״ש חכ״ד ע׳ 570 בהערה.

145) תניא רפל״ז.

146) ראה לעיל ע׳ 504 ואילך. 520 ואילך. וש״נ.

מען זיך איצטער אין אַ התוועדות צוזאַמען מיט כמה עשיריות מישראל, „ברוב עם הדרת מלך״[119], וואָס נוסף לזה וואָס יעדער איד איז אַ בעה״ב אויף כל ה־מציאות, ועאכו״כ אויף זיין אייגענע מציאות און זיין אייגענע עבודה פון „אדם כי יקריב — מכם קרבן לה׳״[120], „מכם״ דוקא[121], און דורך דעם איז ער אויך מקריב כל עניני העולם (דצח״ם)[122] וואָס זיינען נכלל אין אים[123] (און אין אַ קרבן[124]) — איז דאָס ביתר שאת וביתר עוז בשעת דאָס קומט דורך כו״כ עשיריות מישראל, וועלכע שטייען באחדות, וואָס די אהבה ואחדות צווישן אידן איז מבטל סיבת הגלות[125], ובמילא — ווערט בטל דער מסובב (גלות), און עס קומט תיכף ומיד ממש די גאולה.

ובפרט אַז דערצו איז דאָס אויך דער זמן זכאי — שבת תשעה באב בזמן תפלת מנחה, ווען עס ווערט אַ התגברות חדשה פון (לידת ו)מזל משיח צדקנו, און דערצו נאָך — אין דעם יאָר ה׳תשנ״א, ר״ת הי׳ תהי׳ שנת נפלאות אראנו, ביז די נפלאות פון דער גאולה האמיתית והשלימה (אויף וועלכע עס שטייט „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות״[126]).

איז דערפון אַלעם מובן — אַז די איצטיקע צייט און דער דאָזיקער אָרט איז אַ זמן ומקום הכי מסוגל אויף ביאת משיח צדקנו.

ובפשטות — אַז אַ איד איז מאמין באמונה שלימה, אַז משיח צדקנו, „מלך מבית דוד הוגה בתורה ועוסק במצות כו׳״[127], און אַלס „משיח ודאי״ (דורך דעם וואָס „עשה והצליח ובנה מקדש במקומו וקבץ נדחי ישראל״)[128] — קומט איצטער ממש אַריין אין דעם בית הכנסת, יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, ער פירט אַלע אידן בתוך כלל ישראל אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לבית המקדש השלישי,

וכאמור — תיכף ומיד ממש, ברגע זה ממש בשבת תשעה באב ה׳תנש״א, אַזוי אַז עשירי במנחם אב — עשירי יהי׳ קודש — ווערט שוין קודש, נהפך ליום טוב ולששון ולשמחה,

ועאכו״כ אחד עשר במנחם אב, וואָס איז פאַרבונדן מיט „אחד עשר יום מחורב״ (שבפרשתנו[129]), בחי׳ אחד עשר פון מתן תורה בהר סיני (חורב), דער גילוי פון בחי׳ כתר (ביז פנימיות הכתר)[130], ווי תורה איז בשרשה למעלה מעלה, למעלה פון די עשר ספירות, וביחד עם זה ווערט דערפון נמשך אין אַלע עשר ספירות (אַזוי אַז מ׳האָט אַ „מהלך״ פון „אחד עשר יום״), ובעבודת האדם — דער ענין פון ברכת התורה („אשר נתן לנו את תורתו״, תורתו של הקב״ה, „חמדה גנוזה״[131], ביז ווי אורייתא וקוב״ה כולא חד[132]), וואָס קומט און ווערט דערנאָך נמשך אין די פרטי עניני תורה וואָס אַ איד לערנט (מיט זיינע

119) משלי יד, כח.

120) ויקרא א, ב.

121) ראה לקו״ת ויקרא ב, ב ואילך. „היום יום״ כ׳ אד״ש.

122) ראה תניא פל״ד (מג, ב).

123) ראה תניא פל״ח.

124) ראה טעמי המצוות (להאריז״ל) ר״פ ויקרא. ובכ״מ.

125) יומא ט, ב.

126) מיכה ז, טו.

127) רמב״ם הל׳ מלכים פי״א ה״ד.

128) רמב״ם שם.

129) א, ב.

130) ראה יהל אור ע׳ מח. אוה״ת פרשתנו ע׳ יט. סה״מ עטר״ת ע׳ תקפז. ועוד.

131) שבת פח, ב.

132) זהר הובא בתניא פ״ד, רפכ״ג. וראה זח״א כד, א. ח״ב ס, א. תקו״ז ת״ו (כא, ב). תכ״ד (סד, א). ועוד.





תענית אַן ענין טוב — „יום רצון לה׳״[36]. און די כוונה פנימית פון די תעניות איז — אַז עס זאָל נתגלה ווערן זייער ענין טוב, יהפכו ימים אלו „להיות יום טוב וימי ששון ושמחה״[36*], ווי עס וועט נתגלה ווערן בגאולה האמיתית והשלימה. און דער ענין פנימי פון אַ תענית שטייט בגלוי ווען דער תענית איז חל ביום השבת — וואָס דעמולט ווערט נדחה נאָר דער ענין הצום, אָבער ניט דער ענין טוב („יום רצון לה׳״), ואדרבה: וויבאַלד אַז יעדער שבת איז אַ יום רצון[37], „חמדת ימים אותו קראת״[38], און מצוה לענגו כו׳, און ס׳איז אַ טאָג פאַרבונדן מיט דער גאולה (כנ״ל) — איז דער „עת רצון״ פון דעם תענית דעמולט ביתר שאת וביתר עוז, און דער תענית איז דעמולט אַזוי ווי אַ „יום טוב ויום ששון ושמחה״[36*], מעין ובדוגמת ווי עס וועט זיין בימות המשיח. ביז אַז דחיית התענית ע״י שבת גיט דעם כח אויף אים דוחה זיין לגמרי (בימות המשיח), ווי אונטערשטראָכן במיוחד באַ תשעה באב שחל להיות בשבת „ודחינוהו לאחר השבת ואמר רבי הואיל ונדחה ידחה״[39].

ויש לומר, אַז דאָס שטייט נאָכמער בהדגשה אין סעודת תשעה באב שחל בשבת — וואָרום בתשעה באב איז דאָ דער גילוי פון לידת המשיח (כנ״ל), ובפרט לאחרי חצות היום, בזמן תפלת מנחה (ווען „נולד המשיח״), ובפרט אין דער סעודה מפסקת — די סעודה שלישית פון דעם שבת, ווייל די סעודה שלישית בכל שבת איז דאָך פאַרבונדן[40] מיט דער סעודה דלעתיד לבוא, סעודת לויתן ושור הבר ושתיית יין המשומר[41] (אַ סעודה גשמית[42]), ועאכו״כ די סעודה שלישית (די סעודה המפסקת) פון שבת תשעה באב, ווען „נולד המשיח״[43].

ד. ויש לומר נאָכמער, אַז ווען תשעה באב איז חל בשבת און דער תענית איז נדחה לעשירי האָט מען מעין המעלה פון תשיעי ועשירי בתשרי (ערב יום הכפורים ויום הכפורים) — כדברי חז״ל[44] „כל ה־אוכל ושותה בתשיעי מעלה עליו הכתוב כאילו התענה תשיעי ועשירי״.

ובהקדים די שייכות פון תשעה באב מיט יום הכפורים:

די[45] ימי צומות — וועלכע זיינען אַלע מדברי קבלה ומדרבנן — האָבן אַ שייכות, זיי זיינען מעין און ווערן נמשך פון דעם צום יום הכפורים וואָס איז מן התורה. כידוע אַז אַלע מצוות מדרבנן זיינען „כעין דאורייתא״[46], ביז אַז זיי זיינען „יוצאות ונמשכות ממצות התורה״ (דוגמתן)[47].

36) ישעי׳ נח, ה. וראה אגה״ת ספ״ב.

36*) ל׳ הרמב״ם סוף הל׳ תעניות.

37) וכמ״ש במנחת שבת „ואני תפלתי לך ה׳ עת רצון״ (תהלים סט, יד. וראה זח״ג קכט, א).

38) נוסח תפלת עמידה דש״ק.

39) מגילה ה, ריש ע״ב. וראה שיחות שבהערה 35.

40) ראה ב״ח או״ח סרצ״א ס״ה.

41) ראה ברכות לד, ב. פסחים קיט, ב. ב״ב עה, א. ויק״ר פי״ג, ג. ועוד.

42) ראה לקו״ת ר״פ שמיני. תו״ח תולדות יב, ד ואילך. ספר הליקוטים־דא״ח צ״צ ערך לע״ל ע׳ תרמו ואילך. וש״נ. ועוד.

43) ועפ״ז יש לומר בדיוק הלשון (דלעיל ב־פנים) בנוגע אכילת סעודה המפסקת „אפילו כ־סעודת שלמה בעת מלכותו״, „כסעודת״ (בכ״ף הדמיון) דייקא, כי סעודה דלע״ל היא שלא בערך לסעודת שלמה בעת מלכותו.

44) יומא פא, ב. וש״נ.

45) בהבא להלן, ראה בארוכה שיחת צום גדלי׳ (לקמן ע׳ 829 ואילך. לעיל ח״א ע׳ 17 ואילך).

46) פסחים ל, ב. וש״נ.

47) אגה״ק סכ״ט: „ז׳ מצוות דרבנן אינן נחשבות מצות בפני עצמן שהרי כבר נאמר לא תוסף (ראה יג, א*), אלא הן יוצאות ונמשכות ממצות התורה וכלולות בהן במספר תרי״ג״.

*) וראה לקו״ש חט״ו ע׳ 138 הערה 8, וש״נ.

צווישן די ד׳ צומות גופא איז תשעה באב דער סאַמע־ענלעכסטע צו יוהכ״פ — „אין בין תשעה באב ליום הכפורים כו׳״[48], „תשעה באב לילו כיומו לכל דבר כו׳ ובין השמשות שלו אסור כיוהכ״פ״[49].

ובפרט ע״פ דברי חז״ל[50], אַז מ׳פאַרגלייכט דער יום טוב פון ט״ו באב — וואָס קומט אַלס אַ תיקון אויף די דברים שאירעו בתשעה באב („יום[51] שכלו בו מתי מדבר״[52], ווען ס׳האָט זיך געענדיקט די גזירה פון די מתי מדבר וואָס איז געווען בתשעה באב[53]) — מיט יום הכפורים — „לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכפורים כו׳״.

ובפנימיות הענינים[54]: דער גודל העילוי פון תשעה באב, דער זמן פון לידת המשיח (וואָס בזמן הגלות שטייט עס בהעלם) קומט אַרויס בגילוי בחמשה עשר באב, ווען קיימא סיהרא באשלמותא[55], עס ווערט די עלי׳ ושלימות אין דער לבנה (ספירת המלכות), בחי׳ דוד מלכא משיחא (ווי מ׳זאָגט אין קידוש לבנה), נאָך דעם גודל הירידה והעלם שבזה בתשעה באב (בזמן הגלות), וואָס איז „על מנת שיבוא ארי׳ במזל ארי׳ ויבנה אריאל״. ומעין גילוי זה האָט מען אין שבת תשעה באב — ווען עס שטייט בגלוי נאָר דער טוב פנימי (לידת המשיח) אין תשעה באב. און (אויך) דעריבער „לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב״ — צוליב דעם גודל העלי׳ פון ט״ו באב, „שאז מאיר מעין גילוי דלעתיד שאין בו הפסק״[56], פאַרבונדן מיט דעם בנין בית המקדש[57].

און דערפאַר פאַרגלייכט מען דעם גודל היו״ט פון חמשה עשר באב מיט יוהכ״פ — ווייל אין דעם „אחת בשנה״[58] פון יוהכ״פ — פאַרבונדן מיט דעם גילוי פון יחידה[59] (משיח, בחי׳ יחידה הכללית[60]) — ווערט אויך די עליית המלכות בפנימיות עתיק, „שהוא ג״כ מעין דלעתיד״[61] (פאַרבונדן אויך מיט דעם בית המקדש[62]).

ולהוסיף, אַז דער סיום פון די „שבעה דנחמתא״ (וואָס קומט נאָך תשעה באב) איז בראש השנה[63] („מאחר תשעה באב עד ראש השנה״[64]), וואָס שלימות פון ר״ה איז

48) פסחים נד, ב.

49) רמב״ם הל׳ תעניות פ״ה ה״ז. וראה טושו״ע או״ח סתק״נ.

50) תענית כו, ב במשנה.

51) שם ל, ב בגמרא.

52) וכן שאר הטעמים בגמרא שם שייכים לתיקון המאורעות דתשעה באב — ראה לקו״ש חכ״ד ע׳ 51 ואילך. סה״ש תשמ״ז — שיחת ט״ו באב ס״ג. ועוד.

53) פרש״י ותוס׳ תענית שם, סע״ב — מאיכ״ר פתיחתא לג.

54) ראה אוה״ת ואתחנן ע׳ ב׳קצז ואילך. נ״ך ע׳ א׳צו־ז. ד״ה נחמו עת״ר (ע׳ רכא ואילך).

55) שמו״ר פט״ו, כו. זח״א קנ, רע״א. ועוד.

56) ד״ה נחמו עת״ר (ע׳ רל). וראה אוה״ת ואתחנן ונ״ך שם.

57) ראה חדא״ג מהרש״א משנה תענית שם, ש„טעמי שמחתו (דחמשה עשר באב) . . תלויים בבנין המקדש״.

58) ס״פ תצוה. אחרי טז, ל.

59) ראה תוד״ה עד אחת — מנחות יח, א. וראה עטרת ראש שער יוהכ״פ פ״ב ואילך. ובארוכה — סה״ש תשמ״ז — ברכת ערב יוהכ״פ. וש״נ.

60) רמ״ז לזח״ב מ, ב. ולזח״ג רס, ב. ועוד. וראה סה״מ תרצ״ט ע׳ 207. ובכ״מ.

61) ד״ה נחמו שם (ע׳ רלא). וראה אוה״ת שם. המשך תרס״ו בסופו (ע׳ תקמו).

62) ראה מפרשי המשנה תענית שם (רע״ב. רש״י על הרי״ף) ש„יום שמחת לבו זה בנין ביהמ״ק״ קאי על יוהכ״פ שבו נתחנך המקדש.

63) ולהעיר מהיש נוהגין שמחמשה עשר באב ואילך מברכים ומאחלים „כתיבה וחתימה טובה״ (שהיא גם הגימטריא ד„חמשה עשר באב״) — שער יששכר ענין יום תבר מגל דרוש ב. דרכי חיים ושלום סתרפ״ד.

64) רמב״ם סדר תפלות כל השנה בסופו.





געווען בעטן און מתפלל זיין ער זאָל אַריינגיין אין ארץ ישראל [וביחד עם זה כפשוט, אַז דאָס זאָל ח״ו ניט שאַטן אַ צווייטן אידן, יהושע בן נון, וועמען דער אויבערשטער האָט שוין קובע געווען פריער ער זאָל אַריינפירן אידן אין ארץ ישראל]:

און אפילו אויב משה האָט געקענט פועל׳ן ע״י תפלתו ער זאָל אַריינגיין אין ארץ ישראל (און זיכער האָט ער דאָס געקענט פועל׳ן, במכ״ש מתפלת כל צדיק כנ״ל) — איז אָבער זייענדיק אַ רועה ישראל אמיתי, איז אַן אמת׳ער רבי, אַן אמת׳ער מלמד תורה לישראל — גייט ניט אַרויס פון גלות איבערלאָזנדיק דאָרט זיינע תלמידים (ווי דער דין איז, אַז „תלמיד שגלה כו׳ מגלין רבו עמו״[110]), נאָר די שלימות פון זיין גאולה באַשטייט דערפון וואָס צוזאַמען מיט אים ווערן נגאל אַלע זיינע תלמידים[110*] (במכ״ש פון דעם קצה ההפכי, אַז „הרב שגלה מגלין ישיבתו עמו״[110]). און במילא איז פאַרשטאַנדיק, אַז תפלת משה צו אַריינגיין אין ארץ ישראל האָט אין זיך כולל געווען, אַז אויך די אידן פון זיין דור (דור דיעה), דור המדבר, זאָלן מיט אים אַריינגיין אין ארץ ישראל אין דער גאולה שלימה.

דערפון האָט מען אויך דעם לימוד לדורות — בנוגע צו אתפשטותא דמשה שבכל דור ודור[111], ביז משה שבדורנו, כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו, ועד״ז בנוגע צו בחי׳ משה וואָס איז דאָ אין יעדער איד[112] — אַז ניט קוקנדיק אויף די תפלות ובקשות וואָס זיינען געווען ביז איצטער, דאַרף מען נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל מתפלל זיין און בעטן באַ דעם אויבערשטן „עד מתי״[113]...

און ס׳איז אַ זיכערע זאַך אַז די תפלה ובקשה ווערט מקויים, און תיכף ומיד ממש — ובאופן פון „מתנת חנם״ („ואתחנן״, „אין חנון בכל מקום אלא לשון מתנת חנם״[114]), שלא בערך צו דער עבודה — קומט די גאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, „גואל ראשון הוא גואל אחרון״, און אַלע אידן גייען אין ארץ ישראל, אין דער גאולה נצחית, און עס קומט אַראָפּ דער ביהמ״ק השלישי הנצחי וואָס איז עומד מוכן ובנוי למעלה[73].

ט. דער ענין איז נאָך שטאַרקער געפינענדיק זיך איצטער אין אַ בית משולש, אַ ביהכנ״ס, ביהמ״ד און בית מעשים טובים וגמילות חסדים, ובמיוחד — פון כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו, משה שבדורנו — וואָס דאָס איז מעין והכנה צו דעם בית המקדש השלישי, וואָס איז אויך אַ בית משולש[115]: ביתי בית תפלה[116], בית תורה (מקום סנהדרין לעבן לשכת הגזית[117]), און בית גמילות חסדים (וואָס ווערט נמשך דורך) הקרבת הקרבנות[118].

און אין דעם בית משולש גופא געפינט

110) רמב״ם הל׳ רוצח ושמירת נפש פ״ז ה״א.

110*) וראה דב״ר פ״ב, ט.

111) זח״ג רעג, א.

112) תניא רפמ״ב.

113) ראה לקו״ש ח״ל ע׳ 182 ואילך. וש״נ.

114) פרש״י ר״פ ואתחנן.

115) נוסף על זה שביהמ״ק השלישי כולל בתוכו גם בית ראשון ובית שני, „אלה פקודי המשכן משכן״, הב׳ מקדשות שנתמשכנו בשני חורבנין (פרש״י ר״פ פקודי) ויוחזרו לע״ל (כפשטות ענין המשכון).

116) ישעי׳ נו, ז.

117) ירושלמי מכות פ״ב ה״ו. מכילתא ס״פ יתרו. פרש״י ר״פ משפטים. מדות פ״ה מ״ד. סנהדרין פו, ב (במשנה). רמב״ם הל׳ סנהדרין פי״ד הי״ב.

118) ראה בארוכה מכתב בין עשירי בשבט וט״ו בשבט תשמ״ז (סה״ש תשמ״ז ח״ב — בהוספות). שיחת ש״פ תרומה תשמ״ז (סה״ש שם ח״א). וש״נ.

אילו זכו וואָלט תפלת משה דעמולט מקויים געוואָרן, און ער וואָלט אַריינגע־פירט אידן אין ארץ ישראל, און געבויט דעם בית המקדש, און דעמולט וואָלט דאָס געווען אַ בית נצחי, בגאולה הנצחית — די גאולה שלימה, כמבואר בספרים[101].

מפני סיבות שונות איז תפלת משה דעמולט ניט מקויים געוואָרן בפועל בעוה"ז הגשמי (צוליב די גזירה וואָס איז דאַן געווען אַז משה דאַרף בלייבן מיט בני דורו אין מדבר, כדלקמן), אָבער זייענדיק אַ תפלה פון משה (און נאָך תקט"ו תפלות) וועט זי זיכער מקויים ווערן נאָר שפּעטער — בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, וואָס „גואל ראשון (משה) הוא גואל אחרון"[102], און ער פירט אַריין אַלע אידן אין ארץ ישראל, בגאולה שאין אחריי' גלות[103], ובבנין ביהמ"ק השלישי, בית נצחי[104].

קומט דערפון אויס, אַז תפלתו של משה איז קיימת לעולם און פועלת פעולתה, נאָר ניט בזמן ההוא, נאָר לאחרי זמן — ווען עס קומט די גאולה נצחית, און משה — גואל ראשון הוא גואל אחרון — פירט אַריין אַלע אידן אין ארץ ישראל.

ח. עפ"ז וועט מען אויך פאַרשטיין די הוראה נצחית דערפון בכל הדורות:

משה האָט אָנגעהויבן זיין תפלה זאָגנ־דיק[105] „אתה החילות להראות את עבדך — פתח להיות עומד ומתפלל"[106], ד.ה. אַז „אע"פ שנגזרה גזירה [אַז משה זאָל ניט אַריין אין ארץ ישראל], אמר לו, ממך למדתי שאמרת לי ועתה הניחה לי וכי תופס הייתי בך אלא לפתוח פתח שבי הי' תלוי להתפלל עליהם, כמו כן הייתי סבור לעשות עכשיו"[106], „אתה אין מי שימחה בידך אם תמחול לי ותבטל גזירתך"[106].

וואָרום, היות אַז עס רעדט זיך וועגן אַריינגיין אין ארץ ישראל און ברענגען די גאולה שלימה פאַר אַלע אידן — איז הגם אַז ער האָט געוואוסט וועגן דער גזירה, האָט משה געטאָן כל התלוי בו: צו מתפלל זיין, און נאָכאַמאָל מתפלל זיין און ווידער אַמאָל מתפלל זיין, ביז — מתפלל זיין תקט"ו תפלות [אָדער אַ תפלה וואָס גייט דורך אַלע ט"ו פעמים ת"ק דרגות פון סדר השתלשלות, בין רקיע לרקיע פון די שבעה רקיעים ובין רקיע לארץ[107]] — אפשר וועט ער פועל'ן אַז דער אויבערשטער זאָל מבטל זיין די גזירה און אים לאָזן אַריינפירן אידן אין ארץ ישראל.

נאָכמער: אפילו לאחרי וואָס דער אויבערשטער האָט אים געזאָגט „אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה"[108] — איז אַ ספק גדול צי משה האָט כביכול אויך אויף דעם געפאָלגט, וואָרום ס'איז דאָך דאָ דער כלל אַז „כל מה שיאמר לך בעה"ב עשה חוץ מצא"[109], איז אפילו ווען דער בעה"ב אמיתי (דער אויבערשטער) הייסט משה'ן „צא", „אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה" — איז מסתבר זאָגן, אַז משה האָט זיך מוסר נפש געווען און ממשיך

101) מגלה עמוקות אופן קפה (הובא בילקוט ראובני פ' ואתחנן). אלשיך, אוה"ח ועוד ריש פ' ואתחנן. שערי תשובה לאדהמ"צ ח"ב חינוך ב־תחלתו. אוה"ת ואתחנן ע' סה. צג. ב'רא. ועוד.

102) ראה שמו"ר פ"ב, ד. זח"א רנג, א. ועוד.

103) ראה מכילתא בשלח טו, א. תוד"ה ה"ג ונאמר — פסחים קטז, א.

104) זח"א כח, א. ח"ג רכא, א.

105) ואתחנן ג, כד.

106) פרש"י שם.

107) אוה"ת ואתחנן ס"ע קיג, ע"פ תוד"ה ורגלי — חגיגה יג, א.

108) ואתחנן ג, כו.

109) פסחים פו, ב. ועוד.



משיחות ש"פ דברים, שבת חזון, ת"ב (נדחה), יו"ד אב (לפני ערבית) וי"א אב ה'תנש"א

— ביוהכ"פ[65] (ר"ה בבחי' פנימיות[66]). און יוהכ"פ איז „יום חתונתו זה מתן תורה" (דלוחות האחרונות)[67] — דער סיום פון די ארבעים יום האחרונים פון משה בהר, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן בר"ח אלול, נאָך די מ' ימים אמצעיים מי"ז תמוז עד ר"ח אלול (כולל תשעה באב וט"ו באב)[68].

וע"פ המדובר לעיל, אַז בשבת תשעה באב ווערט נתגלה דער טוב פנימי וגודל העילוי פון תשעה באב (מעין פון יהפכו ימים אלו לששון ולשמחה ולמועדים טובים בגאולה האמיתית והשלימה) — קומט אויס, אַז תשעה באב עצמו האָט אין זיך ע"ד הגילוי פון יוהכ"פ (נאָר בזמן הגלות שטייט עס בהעלם אין די יאָרן ווען תשעה באב קומט אויס בימי החול).

ה. ע"פ דער שייכות הנ"ל פון תשעה באב מיט יוהכ"פ — יש לומר, אַז דאָס וואָס עס שטייט בנוגע צו יוהכ"פ אַז „כל האוכל ושותה בתשיעי מעלה עליו הכתוב כאילו התענה תשיעי ועשירי", איז ע"ד ומעין זה דאָ בקביעות שנה זו ווען תשעה באב איז חל בשבת, וואָס דעמולט איז דאָ דער „האוכל ושותה בתשיעי" (בתשיעי באב) צוליב מצות עונג שבת [ואדרבה, מיט אַ הוספה (כנ"ל), וי"ל ע"ד די אכו"ש בתשיעי בתשרי וואָס דאַרף זיין „כפי שיעור ב' ימים ערב יוהכ"פ ויוהכ"פ"[69]], וואָס דורך דעם איז „מעלה עליו הכתוב" — דער כתוב (תורה) אַליין טוט אויף אין אים (אין דעם אוכל) אַז עלי' (מעלה עליו הכתוב), און אַן עלי' „כאילו התענה תשיעי ועשירי", ער האָט די מעלה (דורך אכילה ושתי' בתשיעי) פון „התענה" — מעין עוה"ב וואָס „אין[70] בו לא אכילה ולא שתי'"[71] — „תשיעי ועשירי", צוויי טעג.

נאָכמער: וויבאַלד אַז „אחכה לו בכל יום שיבוא", כולל אויך „שיבוא בכל יום", ביום זה ממש (שבת תשעה באב ה'תנש"א), וואָס דעמולט וועט דער תענית אינגאַנצן נדחה ווערן, און תשעה באב וועט זיין אַ יום טוב גדול — איז פאַרשטאַנדיק אַז דער „מעלה עליו הכתוב" (די עלי') וואָס קומט דורך „האוכל ושותה בתשיעי" (מעשינו ועבודתינו בתשעה באב זה) באַשטייט ניט פון „התענה (תשיעי ועשירי)", וואָרום עס וועט דאַמאָלס זיין אכילה ושתי' אויך בעשירי באב[72], און די אכילה ושתי' וועט אין זיך האָבן אַ מעלה גדולה ביותר, ובפרט אַז דאָס וועט בפשטות זיין פאַר־בונדן אויך מיט חנוכת ביהמ"ק השלישי, שירד למטה תיכף ומיד ממש[73], ע"ד — און נאָך מער — ווי די מעלה וזכות פון דער אכילה ושתי' ביוהכ"פ (עשירי בתשרי) בחנוכת בית ראשון[74]. [ובמכ"ש וק"ו, וואָרום בימות המשיח וועט אינגאַנצן בטל ווערן דער תענית פון תשעה באב (משא"כ דחיית התענית ביוהכ"פ בחנוכת בית ראשון איז געווען נאָר אַ הוראת שעה)].

65) ולהעיר גם, ש„ארי"" (המזל דחודש אב) ר"ת „אלול, ראש השנה, יוהכ"פ, הושענא רבה" (של"ה ריש מס' ר"ה (ריג, א). הובא באוה"ת נ"ך ע' תסז. ס"ע א'נז). וראה סה"ש תשמ"ז — שיחת ט"ו באב בסופה.

66) לקו"ת ר"ה (נח, א).

67) משנה תענית שם (כו, ב) ובפרש"י.

68) וראה שיחת ט"ו באב שם ס"ו ובהערה 83, שי"ל שבט"ו באב מתחילה ההכנה ד„יום חתונתו זה מתן תורה".

69) פע"ח שער יוהכ"פ פ"א. סידור אדה"ז לאחרי סדר כפרות. אשל אברהם (להרה"צ כו' מבוטשאטש) או"ח ר"ס תרד.

70) ברכות יז, א.

71) ראה המשך תרס"ו שם.

72) ורק „כאילו התענה", שתהי' המעלה ד־„עוה"ב אין בו לא אכילה ולא שתי'", ביחד עם המעלה דסעודה לע"ל (ראה תשובות וביאורים סי"א בסופו בהערה).

73) ראה רש"י ותוס' סוכה מא, סע"א.

74) מו"ק ט, א.

ולהוסיף, אַז בקביעות שנה זו (ווען ס'איז דאָ דער „האוכל ושותה בתשיעי") איז עשירי באב ביום אחד בשבוע — וואָס איז בדוגמת יום אחד הראשון (פון מעשה בראשית) — ווען „הקב"ה הי' יחיד בעולמו"[75]; און אויב משיח קומט תיכף ומיד ממש, וועט מאָרגן, יום אחד עשירי באב, מאיר זיין בתכלית הגילוי אחדותו ית' — ע"ד דער גילוי פון „אחת בשנה" פון עשירי בתשרי (יחידה וואָס איז פאַרבונדן מיט יחיד שלמעלה[76]) — „והי' ה' למלך על כל הארץ ביום ההוא יהי' ה' אחד ושמו אחד"[77]. וי"ל אַז דאָס איז אויך מתאים לזה וואָס יום עשירי בחודש איז פאַרבונדן מיט „העשירי יהי' קודש"[78], קדש מלה בגרמי'.

ו. ויש להוסיף, אַז בקביעות שנה זו, ווען תשעה באב איז חל בשבת, און אויך די התחלה פון די „בין המצרים" (שבעה עשר בתמוז) איז חל בשבת (און דער תענית איז נדחה) — קומט אויס אַז די התחלה און דער סיום פון די „תלתא דפורענותא" איז ניט מיט אַן ענין של פורעניות ח"ו, נאָר אדרבה — מיט אַ יום השבת, „חמדת ימים", ומצוה לענגו כו', און וויבאַלד אַז „אחכה לו בכל יום שיבוא" וועט מאָרגן אויך ניט זיין קיין תענית (און אפילו אויב משיח וועט זיך ח"ו פאַרהאַלטן, איז דאָס אַ תענית מחוץ פון די „תלתא דפורענותא" וועלכע האָבן זיך שוין געענדיקט מיט שבת).

ויש לומר, אַז דאָס ברענגט אַרויס בגלוי אויך דעם תוכן פנימי פון די „תלתא דפורענותא" — ווי דאָס איז כנגד די ג' מוחין[79] [נאָר בזמן הגלות שטייען די ג' מוחין בהעלם ובהסתלקות[80]], ווי דאָס וועט נתגלה ווערן בשלימות בגאולה האמיתית והשלימה, ווען ס'וועט זיין דער כיבוש פון אַלע עשר ארצות — נוסף צו די שבע ארצות, כנגד בירור הז' מדות, אויך די ג' ארצות פון קיני קניזי וקדמוני, כנגד די ג' מוחין[81]. ואדרבה: וויבאַלד אַז דער גילוי פון די ג' מוחין קומט אַרויס לאחרי ההעלם, איז דאָס ביתר שאת וביתר עוז, כיתרון האור מן החושך[82].

ויש לקשר זה אויך מיט די פרשיות השבוע פון די „דריי וואָכן" — פינחס, מטות־מסעי, דברים[83]: דער צד השוה פון די דריי פרשיות איז, אַז אין זיי רעדט זיך וועגן חלוקת הארץ: בפ' פינחס — „לאלה תחלק הארץ בנחלה גו' אך בגורל יחלק את הארץ"[84]; בפ' מטות — בקשת בני גד וראובן „יותן את הארץ הזאת לעבדיך לאחוזה . . מעבר הירדן מזרחה"[85], ובפ' מסעי — „זאת הארץ אשר תפול לכם בנחלה גו' אשר תתנחלו אותה בגורל גו'"[86]; און בפ' דברים — בהתחלת ה־פרשה, „פנו וסעו לכם ובואו הר האמורי ואל כל שכניו וגו' ארץ הכנעני והלבנון עד הנהר הגדול נהר פרת", „ראה נתתי לפניכם את הארץ בואו ורשו את הארץ אשר נשבע ה' לאבותיכם גו'"[87], און בסיום הפרשה, כיבוש ארץ סיחון ועוג ונתינתה לבני גד ובני ראובן[88].

ובפרטיות יותר — רעדט זיך אין די דריי פרשיות וועגן חלוקת הארץ כולה, ניט נאָר בעבר הירדן מערבה, נאָר אויך בעבר הירדן מזרחה (נחלת בני גד ובני ראובן), וואָס דאָס איז געווען די התחלה פון כיבוש וחלוקת ארץ ג' אומות קיני קניזי וקדמוני, „אדום ומואב ועמון[89] . . (ש)עתידים להיות ירושה לעתיד"[90]. ויש לומר, אַז אין דעם זיינען מרומז די ג' מוחין וואָס קומען צוזאַמען מיט די ז' מדות (כיבוש ז' ארצות מעבר הירדן מערבה) אין די ג' שבתות פון די „דריי וואָכן" (ווען מ'לייענט די דריי פרשיות בשנה זו) וואָס פירן אַריין אין די „שבע דנחמתא" שלאחרי זה.

ובעבודת האדם באַדייט עס די עבודה פון „מאַך דאָ ארץ ישראל"[91] — כיבוש וחלוקת חלקו בעולם, און מאַכן דערפון „ארץ ישראל", אַ דירה לו יתברך בתח־תונים[92], ובתכלית השלימות — במחשבה דיבור ומעשה, אַלס הכנה צו עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות[93], כ־מדובר לעיל[94].

ז. ויש לומר, אַז דער ענין פון גילוי המשיח בתשעה באב (במנחה), און ווי ס'איז פאַרבונדן מיט דער עבודה אין ארץ ישראל — איז נאָכמער בהדגשה אין דער פרשה וואָס מ'לייענט בתפלת מנחה פון דעם שבת תשעה באב (שבת חזון), פ' ואתחנן:

לויט דעם כלל אַז התורה היא נצחית[95] און תורה מלשון הוראה[96], אַלע ענינים אין תורה זיינען נצחיים לעולם ועד, און גיבן אַרויס הוראות נצחיות צו אידן בכל זמן ובכל מקום — ווערט די שאלה: וואָס איז די הוראה נצחית פון „ואתחנן אל ה'", תפלת משה צו דעם אויבערשטן ער זאָל אַריינגיין אין ארץ ישראל, אַ תפלה ובקשה וואָס איז דעמולט ניט מקויים געוואָרן, ובמילא איז דאָס לכאורה בגדר פון „מאי דהוה הוה"[97]?

איז דער ביאור אין דעם: ס'איז מובן ופשוט אַז תפלתו של משה בלייבט אַלעמאָל בתוקף און וועט זיכער מקויים ווערן, במכ"ש פון דער תפלה פון יעדער צדיק [ובמכ"ש דערפון וואָס „צדיק גוזר והקב"ה מקיים"[98]], עאכו"כ תפלתו של משה רבינו (וואָס אפילו מעשה ידיו זיינען נצחיים[99], עאכו"כ תפלתו לה'), ובפרט אַז משה האָט אויף דעם מתפלל געווען תקט"ו (כמנין „ואתחנן") תפלות[100].

---

75) פרש"י בראשית א, ה.

76) ע"ח שער דרושי אבי"ע פ"א. הובא בלקו"ת ראה כה, א.

77) זכרי' יד, ט.

78) בחוקותי כז, לב.

79) דרוש הרה"ח ר' הלל מפאריטש ד"ה איתא בפסיקתא כו' (י"ל בקופיר). וכנראה מיוסד על דרוש כ"ק אדמו"ר הצ"צ.

80) והטעם לתלתא דפורענותא — אף שתלתא מורה על חזקה וקיום (ב"מ קו, ב. וש"נ) ששייך דוקא בקדושה, ולא בענין הפורעניות — יש לומר א' מה־ביאורים בזה: כדי שתהי' שלימות ענין הבחירה, שהרי „זה לעומת זה עשה אלקים" (קהלת ז, יד), שבכל דבר שבקדושה (כולל ענין של חזקה בשלשה) יש לעומת זה; והכוונה היא (על מנת) להפוך ה„זה" (דלעומת זה) לקדושה — זדונות נעשו לו כזכיות, ועד זכיות ממש. וראה גם סה"ש ה'תש"נ ח"ב ע' 584 ואילך.

81) רד"ה אל תצר את מואב — מאמרי אדהאמ"צ דברים בתחלתו.

82) קהלת ב, יג.

83) בהבא להלן — ראה גם סה"ש תש"נ ח"ב ע' 568־9.

84) כו, נג. נה.

85) לב, ה. יט.

86) לד, ב. טו.

87) א, ז־ח.

88) ב, כד ואילך.

89) עי"ז ש„עמון ומואב טהרו בסיחון" (גיטין לח, א. וש"נ) — ראה סה"ש תש"נ ח"ב ע' 545־6.

90) פרש"י לך לך טו, יט.

91) אגרות קודש כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ ח"א ע' תפה ואילך.

92) ראה תנחומא נשא טז. ועוד. תניא פל"ו. ובכ"מ.

93) ראה פסיקתא רבתי פ' שבת ור"ח. יל"ש ישעי' רמז תקג. ועוד.

94) שיחת ש"פ פינחס (לעיל ע' 695 ואילך).

95) תניא רפי"ז. ובכ"מ.

96) ראה רד"ק לתהלים יט, ח. ועוד.

97) ל' חז"ל — פסחים קח, א. ובכ"מ.

98) תנחומא וירא יט. וראה שבת נט, ב.

99) סוטה ט, סע"א.

100) דב"ר פי"א, י.